בס"ד

פנחס תשפ"ד
גליון 200

# דעם רבינ'ס ליכט



**אַיְיעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין**
**וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## אַ פַייעֶר מִיט אַ מָאס

דִי וָואךְ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, אִיז דָא אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פָּסוּק וָואס מֶען גֶעפִינְט נִישְׁט אִין דֶער גַאנְצֶער תּוֹרָה, "וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל ה' לֵאמֹר".

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ פַאר עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן פוּן דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לֵאמֹר: "יִפְקוֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחוֹת לְכָל בָּשָׂר", דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט "אֱלֹקֵי הָרוּחוֹת", זָאגְט רַשִׁ"י: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַנְדֶערְשׁ, מִיט פַארְשִׁידְנַארְטִיגֶע דֵעוֹת, גִיבּ זֵיי אַ מַנְהִיג וָואס וֶועט זֵיי קֶענֶען פַארְטְרָאגְן יֶעדֶער אִיד לוֹיט זַיין דֵעָה, זַיין מֵיינוּנְג. שְׁטֶעל אַן אִישׁ עַל הָעֵדָה וָואס זָאל זֵיי פִירְן".

הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט "וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה קַח לְךָ אֶת יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ וְסָמַכְתָּ אֶת יָדְךָ עָלָיו (בַּמִדְבָּר כז, יח) גִיבּ אִים דַיין קְדוּשָׁה, דַיין יִרְאָה. אוּן יְהוֹשֻׁעַ אִיז טַאקֶע גֶעוָוארְן מַנְהִיג.

רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ, "עֶר זָאל קֶענֶען סוֹבֵל זַיין אוּן פַארְשְׁטֵיין אַלֶעמֶענְס גֵייסְט, אוּן אַרַיינְשַׁיינֶען אִין יֶעדְן אִיד, לוֹיט זַיין דַרְגָה".

אִין שִׂיחַת הר"ן קל"א שְׁרַייבְּט ר' נָתָן, "דוּ זָאלְסְט גוּט מְעַיֵּין זַיין אִין יֶעדְן תּוֹרָה, אוּן זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין אוּן פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע שִׂיחָה, דִי עֲבֹדוֹת, דִי עֵצוֹת מִיט דִי מוּסָר וְהִתְעוֹרְרוּת וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן יֶעדֶע תּוֹרָה, אוּן זָאלְסְט בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער זָאל דִיר לִיכְטִיג מַאכְן דִי אוֹיגְן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס אוֹיף לְמַעֲשֶׂה וַוייל אַלֶע דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן, זֶענֶען זֵייעֶר נוֹיטִיג אוּן וִויכְטִיג לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

אֲפִילוּ אִין עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער קֶען עֶס אוֹיסְזֶען פוּן אוֹיבְּנְאוֹיף אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט לְעֲבְדָה וָואס צוּ טוּן. אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אַ טִיפֶע לַאנְגֶע תּוֹרָה, אַ קִינְד קֶען פְרֶעגְן וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר עֶס אִיז אַזַא שְׁוֶועֶרֶע תּוֹרָה צוּ פַארְשְׁטֵיין? מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט ר' נָתָן אִיז פַארְהַאן אִין יֶעדְן תּוֹרָה פִיל וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת, אוּן אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת זִיךְ צוּרִיקְצוּקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶעם אָרְט וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ



געפינט זיך.

אויב דו ווילסט גוט צולייגן דאס הארץ און דיינע אויגן, וועסטו אויך דארטן טרעפן גוטע עצות לויט דיין מדרגה, ווייל אלע דיבורים פון רבי'ן זענען א גרויסע כללות, עס נעמט ארום די גאנצע בריאה, יעדע תורה אין לקוטי מוהר"ן איז כלול פון דער גאנצער תורה, און נישט נאר פון די גאנצע תורה, נאר פון יעדן מענטש אויף דער וועלט, אין אלע סארטן דרגות, פון דער העכסטער איד, וואס איז זייער אפגעהיטן און ערליך, ביז דער אונטערשטער מענטש וואס איז זייער נידריג.

דאס מיינט אז מיט יעדע תורה און שיחה פון רבי'ן קען דער גרעסטער צדיק אויף דער וועלט און דער נידריגסטער שוואכסטער איד אין זיינע קלענסטע מדרגות דינען דעם באשעפער מיט די עצות.

אין סוף שיחה קכ"ד שטייט אז ווער עס האט געהערט דעם רבי'ן רעדן זיינע דיבורים מיט א ריינקייט און תמימות און מיט אן אמת, איז יעדער דיבור אריין אין די הערצער פון די צוהערער אזוי ווי א פלאם פייער ממש, אז אלע ארומיגע זענען געווארן זייער שטארק צוגעצויגן צום באשעפער מיט גאר א שטארקן וואונדערליכן קשר און ברען צום באשעפער.

נאכן הערן אזעלכע רייד האט זיך געדאכט פאר די צוהערער אז פון היינט און ווייטער האט מען מער נישט קיין בחירה צו נישט פאלגן, מען וועט זיכער מוזן זיין נאנט צום באשעפער און זיך נישט קענען אפטיילן פון אים, מען וועט זיכער נישט טון חס ושלום קעגן באשעפער'ס רצון, ווייל דאס הארץ איז געווארן אזוי צוגעטשעפעט צום אויבערשטן נאכן הערן די רייד. מען קען בכלל נישט ארויסברענגען די התעוררות וואס מען האט באקומען הערנדיג דעם רבי'נס רייד.

אבער אויך היינט ווער עס איז עוסק אין רבינ'ס פארכטיגע ספרים און ער וועט אריינקוקן מיט אן אמת און תמימות זאגט ר' נתן צו אז זיכער וועט זיך זיין הארץ זייער אויפפלאקערן צום באשעפער, ווייל אלע דיבורים פון רבי'ן זענען ווי פלאקערדיגע קוילן.

אין תורה ט' חלק שני זאגט דער רבי אז די צדיקים קענען אנשטעלן דאס פייער און ברען עס זאל נישט זיין נישט צו שטארק אדער צו שוואך, דאס מיינט "איש אשר רוח בו", אזוי ווי מען זעט ביי א פייער, אויב עס קומט צו א שטארקע ווינט קען זיך דאס פייער פארלעשן, פון צווייטן זייט קען אמאל זיין א שוואכע פייערל און מיט א ווינטעלע קען מען מאכן עס זאל נאך ברענען שטערקער

די היינטיגע פרשה פון פנחס ווייסן דאך אלע אז פנחס איז אליהו הנביא, אויף אים איז דא א פסוק אז ער האט געקענט מצמצם זיין דאס פייער איש אשר רכב על סוסי אש בסערה, ער האט געקענט מכניע זיין דאס פייער עס זאל נישט זיין צו שטארק, עס זאל ברענען מיט די ריכטיגע מאס, עס זאל נישט זיין קיין רוח סערה, און נישט צו שוואך.

דער אויבערשטער זאל העלפן בכח אליהו הנביא ווען מען לערנט די פרשה פון פנחס, און בכח אלע צדיקי אמת זאלן זיי קענען אריינשיינען אין אונז א רוח דקדושה און טהרה אז מען זאל זוכה זיין צו א גאנצע שמחה אזוי ווי דער אויבערשטער וויל, ביז אונזערע הערצער וועלן זיך אנפלאקערן און אנווארעמען מיט א געוואלדיגע תשוקה טרעפלווייז נישט צו פיל און נישט צו שוואך, און דורכדעם וועלן מיר אנקומען צו וואס מען דארף אנקומען און זיין בשמחה און דבוק אין באשעפער אלעמאל עס זאל מקיים ווערן דער פסוק ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כלכם היום, אמן נצח סלה ועד.

חזקו ואמצו, א פריילכן שבת



# הַבָּצָה קינדער

### קינדער פון מפיצים דערציילן אלעס ארום הפצה

יָא טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר שְׁפַּאצִירְן אַרַיין אִינֶעם שֵׁיינֶעם הַבָּצָה שְׁטִיבְּל אִין בֵּית-שֶׁמֶשׁ "דֶעם רֶבִּ'ינְס ווינְקְל", אַ גֶעשְׁמַאקֶע ווינְקְל פַאר סַיי וֶועלְכֶער אִיד, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי אַלְט אָדֶער וֶועלְכֶער חָסִיד עֶר אִיז, דָארְט קֶען יֶעדֶער טְרֶעפְן זַיין ווינְקְל אוּן טְרֶעפְן אַ סֵפֶר פוּן רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע לַייט וָואס רֶעדְט צוּ זַיין הַארְץ.

לָאמִיר אַפִּירְנֶעמֶען הַיֶּלֶד נָתָן אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אַ חֵלֶק אִין דֶעם שֵׁיינֶעם ווינְקְל.

**נָתָן זָאג נָאר, ווָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס דוּ גֶעדֶענְקְסְט פוּן דֶעם הַבָּצָה ווינְקְל?**

אִיךְ בִּין צְוֶועלְף יָאר אַלְט, אִיךְ גֶעדֶענְק ווֶען מֶען הָאט גֶעבּוֹיט דֶעם פַּארְמַאכְטְן שְׁטִיבְּל וואו עֶס לִיגְן אוֹיסְגֶעלֵייגְט צֶענְדְלִיגֶער שַׁאפֶעס מִיט טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים גְרֵייט צוּ וֶוערְן גֶעשִׁיקְט צוּ צֶענְדְלִיגֶער הַבָּצָה סֶענְטֶערְן אִיבֶּער אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

**אֵיין מִיעוּט לָאמִיר מַאכְן סֵדֶר, דוּ זָאגְסְט צֶעהֶנְדְלִיגֶע שַׁאפֶעס, טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים ווֶערְט גֶעשִׁיקְט אַרוּם אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, קֶענְסְט צוּנֶעמֶען בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת ווָאס אוּן ווֶען דֶער הַבָּצָה סֶענְטֶער טוּט?**

יָא, אִיךְ וֶועל פְרוּבִּירְן בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם. דִי הַבָּצָה ווינְקְל הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט בְּעֶרֶךְ זֶעקְס יָאר צוּרִיק דוּרְךְ אַן אִינְגֶערְמַאן, וָואס הָאט גֶעקוֹיפְט צְווֵיי סְפָרִים שַׁאפֶעס אוּן בַּאשְׁטֶעלְט סְפָרִים פוּן קֶרֶן יִשְׂרָאֵל דוֹב אָדֶעסֶער אוּן פַארְקוֹיפְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס סְפָרִים.

נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט אִיז דֶער אִינְגֶערְמַאן גֶעוָוארְן פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע הַבָּצָה פְּרָאיֶעקְטְן הָאט עֶס מַיין טַאטֶע אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אוּן דַאן אִיז צוּבִּיסְלֶעךְ צוּגֶעקוּמֶען אַ שַׁאפֶע נָאךְ אַ שַׁאפֶע אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן קוֹיפְן אוּן פַארְקוֹיפְן אַסַאךְ סָארְטְן בְּרֶסְלֶבֶ'ע סְפָרִים כִּמְעַט פוּן אַלֶע אַרוֹיסְגֶעבֶּער, אַזוֹי אַז וֶוען אֵיינֶער ווִיל הַיינְט קוֹיפְן לְמָשָׁל אַ סֶעט לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הָאט עֶר אָן אוֹיסְוַואל פוּן אַרִיבֶּער צֶען סָארְטְן אוֹיסְגַאבֶּעס, קְלֵיינֶע, מִיטֶעלֶע, גְרוֹיסֶע, שֶׁענֶערֶע אוֹתִיּוֹת, בֶּעסֶערֶע פַּאפִּיר, בִּילִיגֶערֶע פְּרַייז א.א.וו.

צוּבִּיסְלֶעךְ אִיז גֶעוָוארְן שְׁמָאל אִין פְּלַאץ פַאר דִי טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים הָאט מֶען צוּגֶעבּוֹיט אַ גַאנְצֶע שְׁטִיבְּל וואו דָארְט הַאלְט מֶען דִי סְפָרִים אוּן מֶען הָאפְט בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם צוּ קֶענֶען פַארְגְרֶעסֶערְן דָאס פְּלַאץ פַאר פְרִישֶׁע סְפָרִים וָואס ווַארְטְן צוּ אָנְקוּמֶען צוּ טַייעֶרֶע אִידְן וֶועלְכֶע לֶעכְצְן צוּ

# הַבָּצָה קִינְדֶער

לֶערְנֶען אָט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים.

נָאךְ אַ פְּרָט, וֶוען אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ אוּן נָאךְ גֶעגְנְטֶער אַרוּם ווִיל הַיינְט-צוּ-טָאג אַיינְקוֹיפְן בְּרֶסְלֶבֶ'ע סְפָרִים, וֶועלְן זֵיי זִיךְ ווֶענְדְן צוּם רֶבִּי'נְס ווִינְקְל, דָארְט אִיז אַ צֶענְטֶער צוּ קֶענֶען גְרִינְג בַּאשְׁטֶעלְן אַלֶע סִפְרֵי בְּרֶסְלֶב אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט אַרוּמְלוֹיפְן צוּ יֶעדְן פְּרִיוַואטְן אִיד וָואס גִיבְּט אַרוֹיס אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער סֵפֶר.

**זַייעֶר שֵׁיין נָתָן, הָאסְט עֶס קְלָאר אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט. אִיךְ ווִיל דִיר פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ ווֵייס דִי תְּשׁוּבָה אָבֶּער אִיךְ ווִיל עֶס הֶערְן פוּן דִיר. וֶוען אִיז דַיין טַאטֶע דִי מֶערְסְטֶע פַּארְנוּמֶען דוּרְכְאוֹיס דָאס יָאר?**

יָא, דִי תְּירוּץ אִיז עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, בַּיים יָארְצַייט פוּן ר' נָתָן אִיז אִין רֶבִּי'ס ווִינְקְל אַזוֹי ווִי אִין רוֹב בְּרֶסְלֶבֶ'ע הַבָּצָה סֶענְטֶערְן זַייעֶר פַּארְנוּמֶען, ווַייל מֶען קֶען אַיינְקוֹיפְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פַאר גָאר אַ בִּילִיגֶע פְּרַייז. אִיךְ שְׁטֵיי צוּ הִילְף פַאר דִי צֶענְדְלִיגֶע קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן אַלֶע עֶקְן שְׁטָאט אַיינְקוֹיפְן מִיט דִי טְשֶׁעקְס פוּן דִי 'חֶבְרָה' ווָאוּ זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעזַאמְלְט שֵׁיינֶע סְכוּמִים.

**וֶועלְכֶע סְפָרִים קוֹיפְן דִי קִינְדֶער גֶעווֶענְלִיךְ?**

אִיךְ מֵיין אַז קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ צוּ קוֹיפְן גְרוֹיסֶע סֶעטְן, זֵיי הָאבְּן לִיבּ אַהֵיימְצוּשְׁלֶעפְּן מִיט ווֶועגֶעלֶעךְ אַ סֶעט לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת! אָדֶער אַ סֶעט חֻמָּשׁ לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת. אָבֶּער אוֹיךְ קוֹיפְן דִי קִינְדֶער דִי קְלֵיינְטְשִׁיגֶע סְפָרִים וָואס אִיז גְרִינְג צוּ הַאלְטְן אִין טַאשׁ, אַזוֹי קֶען מֶען לֶערְנֶען סַיי וֶוען אוּן וואוּ אִימֶער.

**עֶנְקֶער שְׁטוּב ווֶוערְט אוֹיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין דִי הַבָּצָה אַפַּאראַט?**

עֶס מַאכְט זִיךְ זַייעֶר אָפְט, אַז אִיךְ קוּם אַרוֹיס אִינְדֶערְפְרִי צוּ גֵיין אִין חֵדֶר אוּן אִיךְ זֶע בַּיים טִיר פִּישְׁקֶעס מִיט סְפָרִים וָואס אֵיינֶער הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט צוּ פַארְקוֹיפְן, זֶעט אוֹיס אַז נִישְׁט יֶעדֶער ווֵייסְט דִי אַדְרֶעס פוּנֶעם רֶבִּי'נְס ווִינְקְל, אָדֶער אִיז עֶס אִים גֶעווֶוען גֶעשְׁמַאקֶער צוּ לֵייגְן נֶעבְּן אַ פְּרִיוַואטְן שְׁטוּב אַנְשְׁטָאט לֵייגְן אִין אַ שׁוּל וָואס דָארְט אִיז 'דֶער רֶבִּי'נְס ווִינְקְל'.

**בְּקִצּוּר נָתָן, אִיךְ זֶע אַז דַיין לֶעבְּן דְרֵייט זִיךְ אַרוּם סִפְרֵי רַבֵּינוּ. ווָאלְסְט גֶעווָאלְט עֶפֶּעס אַזאַ הַבָּצָה סֶענְטֶער נָאךְ דַיין חֲתוּנָה?**

יָא אִיךְ ווִיל זַייעֶר, אִיךְ הָאף אִיךְ וֶועלְן טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ שׁוּל אָדֶער אַ קַאראַוואַן וואוּ אִיךְ וֶועל קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה.

**וֶוען אַ אִינְגְל קוּמְט אַרַיין אִין הַבָּצָה סֶענְטֶער וֶועלְכֶע סֵפֶר וֶועסְטוּ אִים צוּרֶעדְן צוּ קוֹיפְן?**

אִיךְ וֶועל אִים ווַייזְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוֹיף אִידִישׁ, אָדֶער אַ סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוֹיף אִידִישׁ.

**אָבֶּער לָאמִיר זֶען, הַיינְט צוּ טָאגְ. וֶועלְכֶע סָארְט הַבָּצָה קֶען אַ קִינְד מַאכְן?**

עֶר קֶען טֵיילְן 'דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט' פַאר קִינְדֶער. אֵיין יָאר פַאר שָׁבוּעוֹת וֶוען מַיין טַאטֶע אִיז גֶעפָארְן קֵיין אוּמַאן אוּן דֶער מֵפִיץ פוּן דִי גִלְיוֹנוֹת הָאט נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט פַאר שָׁבוּעוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעטֵיילְט פַאר אַלֶע קִינְדֶער פוּן 'חֶבְרָה' דִי גִלְיוֹנוֹת. מֶען קֶען צֶעשְׁפְּרֵייטְן תְּפִלּוֹת אוֹיף 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה'. בַּיי אוּנְז אִין בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֵדֶר אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס דְרוּקְט דִי תְּפִלּוֹת, אַזוֹי דַארְף מֶען נִישְׁט אוֹיסְלֵייגְן קֵיין גֶעלְט, מֶען קֶען לֵייגְן אִין אֵיינְס צְווֵיי פְּלֶעצֶער, עֶס אִיז אַ גְרִינְגֶע הַבָּצָה.

**דוּ גֵייסְט בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם פָארְן קֵיין אוּמַאן לִכְבוֹד רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ"ה?**

איך האף זייער שטארק, איך מאך שוין תפלות. דער רבי אין כתה ז' ר' נפתלי מאכט גורלות פאר אלע קינדער וואס זאגן תפלה ע"ו. ביי הפסקה קומען אריין אין זיין כתה קינדער פון עטליכע כתות, עס נעמט אפאר מינוט צו זאגן די אלע תפלות, שפעטער קומען אריין נאך כתות אין זיין כתה מען באקומט א קארטל אין איין מאל און וואך קען מען געווינען א טשעק צו קויפן ביי די הפצה סענטערן.

## וועלכע ספרים פון רבי'ן האסטו שוין געלערנט?

ספורי מעשיות האב איך שוין ב"ה גערענדיגט. אזוי אויך אין פרשה צעטל פון חדר שטייט אסאך מאל שיינע דיבורים פון רבי'ן.

## אין חדר לערנט מען אויך ספורי מעשיות?

יא, מיין רבי לערנט פאר ספורי מעשיות, מען האלט יעצט ביי די מעשה פון די זיבן בעטלערס.

## וועלכע שטיקל פון ספורי מעשיות ליגט דיר יעצט אויפן געדאנק.

די שטיקל פון די מעשה פון 'בן המלך און בן השפחה וועלכע זענען געווארן פארטוישט', דארט פארציילט דער רבי אז דער אמת'ער בן המלך האט געטראפן נאך א מענטש אין וואלד, ווען מיין רבי האט פארציילט אין חדר די שטיקל האב איך צום ערשטן מאל געכאפט אז דער צווייטער מענטש וואס איז נאכגעלאפן די פערד איז געווען דער קייסער! איך מיין אז מיין רבי האט שוין פארציילט די מעשה צוויי מאל.

## די מאכסט די בחינות אויפן טעלעפאן ליין?

לעצטנס פלעג איך מאכן, אבער אין חדר איז דא נאך א גורל פאר אלע קינדער וואס שרייבן די בחינות, מען קען עס מאכן ביי הפסקה, איך האב גראדע פאריגע וואך געווינען א טעיפ מיט א מיקראפון.

## וועלכע מעשה פון ברסלב, פון אנשי שלומנו רעדט צו דיין הארץ?

די מעשה פון חיים קצב האב איך זייער ליב, איך האב עס געליינט אין א ביכל מיט בילדער אויך איז אפאר יאר צוריק געווען א פארשטעלונג עס ליגט מיר פאר די אויגן.

## וועלכע חלק פון די מעשה?

דארט וואו ר' פנחס קיבליטשער איז זיך מגלה פאר זיינע תלמידים אז אלע זיינעווארימע דיבורים וואס ער האט ביז היינט זיי ביז היינט מחזק געווען קומט פון הייליגן רבי'ן דער נחל נובע מקור חכמה!

## שיין צו הערן. וועלכע נאך מעשה האט אנגעצונדן דיין ברסלב'ע הארץ?

די מעשה וואס מיין מאמע האט מיר פארציילט ביי נאכטמאל, אז דער הייליגער רבי האט געוואלט פארן זען דעם הייליגן תולדות, אבער דער רבי איז נאך געווען גאר א קליין קינד, זיין טאטע האט אים נישט געלאזט פארן, און דער רבי האט אריינגעשטעקט זיינע פיס אין די רעדל פון די וואגן אז די חסידים זאלן אים נישט איבערלאזן, ביז ר' חיים קראסנער האט זיך אונטערגענומען צו האלטן אן אויג און אים היטן אויפן וועג. אזוי האט דער הייליגער רבי זוכה געווען צו זען דאס הייליגע פנים פונעם 'תולדות יעקב יוסף' און איז געווען זייער דאנקבאר פאר ר' חיים וואס האט אים מיטגענומען.

## אויב דו קענסט היינט צו טאג פארן צום הייליגן תולדות ביסטו גרייט צו פארן אליין אויף א פערד און וואגן?

אויב אן ערליכער איד וועט מיר באגלייטן מיט רשות פון מיינע עלטערן.

*המשך אין קומענדיגן גליון בעז"ה*



# לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה

נָאךְ
דִי חֲתוּנָה פוּן הָרַב הֶחָסִיד ר׳ יוֹנָה לֶעבְּל זַ"ל מִיט זַיין רֶעבֶּיצִין הָאבְּן זֵיי גֶעוואוֹינְט פְּרֵיילֶעךְ און צוּפְרִידְן אִין אַ קְלֵיין צִימֶערְל אִין אַלְט שְׁטָאט, אָבֶּער דִי שְׁכֵנִים אַרוּם זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאזָארְגְט, וָואס גֵייט פַּאר מִיט דֶעם יוּנְגְן פָּארְפָּאלְק?
דִי שְׁכֵנִים פְּלֶעגְן שׁוּשְׁקֶען צְוִוישְׁן זִיךְ אַז עֶס הֶערְן זִיךְ אַרוֹיס יֶעדֶע נַאכְט פוּן דִי קְלֵיין הַייזְקֶעלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע קוֹלוֹת און יְלָלוֹת, מְ׳וֵויינְט און מְ׳שְׁרַייט! קֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דִי מָאדְנֶע זַאךְ בַּאדַייט.

אַזוֹי וִוי סְאִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט און דִי גֶעשְׁרֵייעֶן אִין דִי נֶעכְט צִיעֶן זִיךְ וַוייטֶער טָאג-טֶעגְלִיךְ. הָאבְּן אַפָּאר גוּטֶע שְׁכֵנִים גֶעבֶּעטְן פוּן אַ נָאנְטֶער מִשְׁפָּחָה מִיטְגְלִיד זָאל אַרַיינְגֵיין בַּיינַאכְט אוֹיף אַ בַּאזוּךְ זֶען וָואס עֶס גֵייט פָּאר, אֶפְשָׁר דַארְפְן זֵיי הִילְף? דֶער קָרוֹב הָאט צוּגֶעשְׁטִימְט און אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע נַאכְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אוֹיף אַ פְּלוּצְלוּנְגְדִיגֶע בַּאזוּךְ בַּיי ר׳ יוֹנָה אִין שְׁטוּב. וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אוֹיפְן אָרְט און צוּגֶעזֶען אַ מָאדְנֶע עֶרְשֵׁיינוּנְג, ר׳ יוֹנָה אִין גֶעזֶעצְן אוֹיף דֶער עֶרְד אִין אֵיין זַייט צִימֶער און זַיין רֶעבֶּעצִין אִין דִי אַנְדֶערֶע זַייט און הָאבְּן בֵּיידֶע גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת און גֶעוֵויינְט אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ...



הָאבְּן זֵיי גֶעשִׁיקְט 'מֶענְטְשְׁן': "אַז זֵיי זָאלְן זוּכְן 'הוֹיכֶע בֶּערְג'"! הָאבְּן זֵיי גֶעפוּנֶען 'זֵייעֶר־הוֹיכֶע בֶּערְג'! אִיז גֶעגַאנְגֶען דִי 'גַאנְצֶע מְדִינָה' – אוּן הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט, אוֹיף דִי 'הוֹיכֶע בֶּערְג'!

דְהַיְינוּ: אוֹיף 'דֶעם בַּארְג', הָאבְּן זִיךְ בַּאזֶעצְט אַ 'קִיבּוּץ [פַארְזַאמְלוּנְג פוּן] מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶער 'מְדִינָה' (כְּלוֹמַר: אַ 'שְׁטָאט')! – אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] אוֹיף דֶעם 'אַנְדֶערְן בַּארְג' וְכוּ'! [אוֹיף יֶעדְן 'בַּארְג' הָאבְּן זִיךְ בַּאזֶעצְט אַ אַנְדֶערֶע 'קְבוּצָה מֶענְטְשְׁן' פוּנֶעם 'אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן מְדִינָה']!

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַרוּם דֶעם 'בַּארְג', אַ 'גְרוֹיס חֶזְקַת' [פֶעסְטוּנְג]! – אוּן [עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט] 'גְרוֹיסֶע גְרָאבְּנְס' [אוֹיפְגֶעגְרָאבֶּענָע גְרִיבֶּער], אַרוּם דֶעם 'בַּארְג'! – בִּיז סְ'אִיז נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] גֶעוֶוען, [אַז] צוּ זֵיי זָאל קוּמֶען אַ 'מֶענְטְשׁ'! – וָוארְן סֶע [סְ'אִיז] מֶער נִישְׁט גֶעוֶוען, נָאר אַ 'בַּאהַאלְטֶענֶער וֶועג' צוּ דֶעם 'בַּארְג' – [אוֹיף אַזַא אוֹפָן] וָואס קַיין 'אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ', הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּמֶען צוּ זֵיי!

אוּן אַזוֹי אוֹיף דֶעם 'אַנְדֶערְן בַּארְג' אוֹיךְ – אוּן אַזוֹי בַּיי 'אַלֶע בֶּערְג' – הָאבְּן זֵיי אַלְץ גֶעמַאכְט 'חֶזְקַת' [פֶעסְטוּנְגֶען] וְכוּ', כַּנַ"ל.

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁטֶעלְט 'שׁוֹמְרִים', וַוייט פוּן דֶעם 'בַּארְג'! – כְּדֵי קֵיינֶער זָאל צוּ זֵיי נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען! אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעצְן דָארְט אוֹיף דִי 'בֶּערְג' – אוּן הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט מִיט דֶעם 'פִירֶערְכְץ', כַּנַ"ל!

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַסַאךְ 'גָאטְן'! – דְהַיְינוּ: וֶועדְלִיג [לוֹיט] דֶעם 'גֶעלְט', כַּנַ"ל !

לוּשְׁמִיר [נָאר וִויבַּאלְד] וַוייל בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר גֶעוֶוען דָאס 'גֶעלְט' – [אַזוֹי וַוייט] בִּיז דוּרְךְ 'אַסַאךְ גֶעלְט', אִיז מֶען גֶעוֶוען בַּיי זֵיי אַ 'גָאט' – הָאבְּן זֵיי [דֶערִיבֶּער] מוֹרָא גֶעהַאט פַאר 'רְצִיחָה' אוּן 'גְזֵילָה'! – וָוארְן אִיטְלֶעכֶער וֶועט זַיין אַ 'רוֹצֵחַ' אוּן אַ 'גַזְלָן', כְּדֵי עֶר זָאל וֶוערְן אַ 'גָאט', דוּרְךְ דֶעם 'גֶעלְט' וָואס עֶר וֶועט גַזְלְ'ן!

נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "[אַז] וַוייל [וִויבַּאלְד] דֶער וָואס עֶר הָאט 'גֶעלְט' אִיז אַ 'גָאט' – וֶועט עֶר זִיךְ [שׁוֹין אַלֵיינְס] הִיטְן פוּן 'גְזֵילוֹת אוּן 'רְצִיחוֹת'"!

אוּן זֵיי הָאבְּן מְתַקֵן גֶעוֶוען: 'עֲבוֹדוֹת' אוּן 'קָרְבָּנוֹת'! אַז מְ'זָאל מַקְרִיב זַיין 'קָרְבָּנוֹת', אוּן מְ'זָאל מִתְפַּלֵל זַיין, צוּ דִי 'גֶעטֶער'! – כְּדֵי דוּרְכְדֶעם זָאל מֶען קְרִיגְן 'גֶעלְט'!

אוּן זֵיי פְלֶעגְן מַקְרִיב זַיין 'מֶענְטְשְׁן' פַאר 'קָרְבָּנוֹת'! אוּן זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ אַלֵיין מַקְרִיב זַיין צוּ דִי 'גָאטְן'! – כְּדֵי עֶר זָאל אִין אִים נִכְלַל וֶוערְן – אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט עֶר מְגוּלְגָל וֶוערְן, וֶועט עֶר זַיין אַ 'עוֹשֶׁר'!

וָוארְן דֶער עִיקָר 'אֱמוּנָה' – אִיז בַּיי זֵיי גֶעוֶוען דָאס 'גֶעלְט'! אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט: 'עֲבוֹדוֹת', אוּן 'קָרְבָּנוֹת', אוּן 'קְטוֹרֶת' – וָואס זֵיי פְלֶעגְן דֶערְמִיט צוּ דִינֶען דִי 'גָאטְן' (דְהַיְינוּ: [צוּ] דִי וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט 'אַסַאךְ גֶעלְט')!

אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט – אִיז דִי 'מְדִינָה' בְּוַודַאי פִיל גֶעוֶוען מִיט 'רְצִיחָה' אוּן 'גְזֵילָה'! – וָוארְן דֶער וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אִין דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'עֲבוֹדוֹת', אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ 'רוֹצֵחַ' אוּן אַ 'גַזְלָן'! – כְּדֵי עֶר זָאל הָאבְּן 'גֶעלְט'!

וָוארְן דֶער עִיקָר אִיז בַּיי זֵיי גֶעוֶוען דָאס 'גֶעלְט'! – וָוארְן דוּרְךְ 'גֶעלְט', קֶען מֶען זִיךְ קוֹיפְן אַלְדִינְג, 'עֶסְן' אוּן 'קְלֵיידֶער' – אוּן דֶער עִיקָר לֶעבְּן פוּן דֶעם 'מֶענְטְשְׁן', אִיז דוּרְךְ דֶעם 'גֶעלְט' – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז דָאס 'גֶעלְט', בַּיי זֵיי דֶער עִיקָר 'אֱמוּנָה' גֶעוֶוען!

(אַזוֹי אִיז אַלְץ, זֵייעֶר נַארִישֶׁע פַארְפִירְטֶע [פַארְגְרַייזְטֶע אוּן פַארְבְּלָאנְדְזֶעטֶע] 'דֵיעָה' גֶעוֶוען)! אוּן זֵיי הָאבְּן אַלְץ גֶעזֶעהְן [זִיךְ מִשְׁתַּדֵל גֶעוֶוען]: "אַז סְ'זָאל בַּיי זֵיי נִישְׁט גֶעמִינֶערְט וֶוערְן קַיין 'גֶעלְט'! – וָוארְן דָאס 'גֶעלְט', אִיז בַּיי זֵיי גָאר דִי 'אֱמוּנָה', אוּן דֶער 'גָאט', גֶעוֶוען"!

אַדְרַבָּא! מְ'מוּז זֶעהְן [זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זַיין]: "אַז מְ'זָאל [פַארְמֶערְן אוּן] אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דֶער 'מְדִינָה' אַרַיין, 'גֶעלְט', פוּן

׳אַנְדֶערֶע עֶרְטֶער׳״!

[און עֶס] פְלֶעגְן פוּן זֵיי גֵיין ׳סוֹחֲרִים׳, [וָואס זֵיי] זָאלְן הַאנְדְלְן אִין ׳אַנְדֶערֶע מְדִינוֹת׳! – כְּדֵי זֵיי זָאלְן גֶעוִוינֶען [פַארְדִינֶען] ׳גֶעלְט׳! – כְּדֵי מְ׳זָאל ׳נָאכְמֶער גֶעלְט׳ אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אִין דֶער ׳מְדִינָה׳ אַרֵיין!

און ׳צְדָקָה׳ – אִיז בְּוַודַאי אַ ׳גְרוֹיסֶער אִיסוּר׳ בַּיי זֵיי גֶעוֶוען [לוֹיט זֵייעֶר דֵיעָה]! – וָוארְן וִוי [וִויאַזוֹי] טָאר מֶען אַוֶועקְגֶעבְּן דָאס [שֶׁפַע פוּן זַיין] ׳גֶעלְט׳ וָואס ׳גָאט׳ הָאט אִים גֶעגֶעבְּן?! – וָואס דָאס אִיז בַּיי זֵיי דֶער עִיקָר גֶעוֶוען, אַז מְ׳זָאל הָאבְּן ׳גֶעלְט׳! – [אִיז] וִוי [וִויאַזוֹי] טָאר מֶען זֶע דָאס אַוֶועקְגֶעבְּן [און פַארְמִינֶערְן זַיין ׳גֶעלְט׳]?!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז בְּוַודַאי בַּיי זֵיי אַ ׳אִיסוּר׳ גֶעוֶוען, צוּ גֶעבְּן ׳צְדָקָה׳! און זֵיי הָאבְּן [אוֹיךְ] גֶעהַאט ׳מְמוּנִים׳, דְהַיְינוּ: ׳מֶענְטְשְׁן׳ וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעצְט [גֶעשְׁטֶעלְט] גֶעוֶוען דֶערוֹיף! [אַז] זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיטְלֶעכְן, אוֹיבּ עֶר הָאט [טַאקֶע] ׳אַזוֹיפִיל גֶעלְט׳ וִוי עֶר זָאגְט!

וָוארְן אִיטְלֶעכֶער הָאט גֶעמוּזְט אַרוֹיסְוַוייזְן זַיין ׳עֲשִׁירוּת׳ אַלֶעמָאל! – כְּדֵי עֶר זָאל בְּלַייבְּן, בַּיי ׳דֶער׳ ׳מַעֲלָה׳ און בַּיי ׳דֶעם׳ ׳כָּבוֹד׳ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, וֶועדְלִיג [לוֹיט] זַיין ׳גֶעלְט׳!

(כְּלוֹמַר: דִי אַלֶע ׳עֲשִׁירִים׳ וָואס זֵיי זֶענֶען בַּיי זֵיי גֶעוֶוען ׳גָאטְן׳ און ׳שְׁטֶערְן׳ וְכוּ׳, און ׳מַלְאָכִים׳ וְכוּ׳, מַחֲמַת זֵייעֶר ׳גֶעלְט׳ – פְלֶעגְט מֶען אַלֶעמָאל זֵיי אִיבֶּער־צוּ־זֶעהְן [אִיבֶּערְקוּקְן], אוֹיבּ עֶר הָאט [טַאקֶע] ׳אַזוֹיפִיל גֶעלְט׳ – אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט אוּמְזִיסְט אַ ׳גָאט׳ וְכוּ׳! – און ׳מֶענְטְשְׁן׳ זֶענֶען דֶערוֹיף גֶעזֶעצְט [גֶעשְׁטֶעלְט] גֶעוֶוען, אַז זֵיי זָאלְן אַלֶעמָאל דָאס אוֹיפְזֶעהְן [אוֹיפְפַּאסְן]!

און אַמָאל פְלֶעגְט בַּיי זֵיי צוּ וֶוערְן: פוּן אַ ׳חַיָה׳, אַ ׳מֶענְטְשׁ׳! – און פוּן אַ ׳מֶענְטְשׁ׳, אַ ׳חַיָה׳! דְהַיְינוּ: אַז אַ ׳עוֹשֶׁר׳ הָאט אָנְגֶעוָוארְן [דֶערְלֵייגְט] דָאס ׳גֶעלְט׳ – אִיז עֶר שׁוֹין ׳אוֹיס מֶענְטְשׁ׳ גֶעוָוארְן – אִיז [אַזוֹי] גֶעוָוארְן פוּן אַ ׳מֶענְטְשׁ׳, אַ ׳חַיָה׳! – וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין קַיין ׳גֶעלְט׳ נִישְׁט!

און אַזוֹי [אוֹיךְ] פַארְקֶערְט: אַז אֵיינֶער הָאט גֶעוִוינֶען [פַארְדִינְט] ׳גֶעלְט׳ – אַזוֹי אִיז גֶעוָוארְן פוּן אַ ׳חַיָה׳, אַ ׳מֶענְטְשׁ׳!

און אַזוֹי אִיז [אוֹיךְ] גֶעוֶוען בַּיי דִי ׳אִיבְּרִיגֶע מַעֲלוֹת׳, וָואס בַּיי זֵיי אִיז אַלְץ וֶועדְלִיג [לוֹיט] דֶעם ׳גֶעלְט׳ גֶעוֶוען (אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען: [אַז] מִיטְאַמָאל אִיז אֵיינֶער ׳אוֹיס גָאט׳ גֶעוָוארְן – וָוארְן עֶר הָאט שׁוֹין דָאס ׳גֶעלְט׳ אָנְגֶעוָוארְן [דֶערְלֵייגְט])!

און זֵיי פְלֶעגְן הָאבְּן דִי ׳צוּרוֹת׳ און דִי ׳פַּאטְרֶעטְן׳ [בִּילְדֶער] פוּן דִי ׳גָאטְן׳ (דְהַיְינוּ: [פוּן] דִי וָואס הָאבְּן ׳פִיל גֶעלְט׳ גֶעהַאט)!

און בַּיי אִיטְלֶעכְן אִיז גֶעוֶוען [אַלֶע הָאבְּן גֶעהַאט] דִי ׳פַּאטְרֶעטְן׳! – און זֵיי פְלֶעגְן זֵיי צוּ ׳הַאלְזְן׳, און צוּ ׳קוּשְׁן׳! – וָוארְן דָאס ׳גֶעלְט׳ אִיז בַּיי זֵיי גֶעוֶוען, גָאר זֵייעֶר ׳עֲבוֹדָה׳ און זֵייעֶר ׳אֱמוּנָה׳!

און דִי ׳עֶרְלִיכֶע לַייט׳ פוּן דֶעם ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳ (וָואס זֵיי זֶענֶען פְרִיעֶר דָארְט גֶעוֶוען בַּיי דֶער ׳מְדִינָה׳, כַּנַ״ל – זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט צוּ זֵייעֶר ׳אָרְט׳ – און זֵיי הָאבְּן דֶערְצֵיילְט [פַאר] דֶעם ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳:

״פוּן דִי [׳גְרוֹיסֶע טָעוּת׳, און] ׳נַארִישְׁקַייט׳ פוּן דֶער [דָאזִיגֶער] ׳מְדִינָה׳ – וִוי זֵיי זֶענֶען אַזוֹי ׳פַארְנַארִישְׁט׳ גֶעוָוארְן און ׳פַארְפִירְט׳ [פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] גֶעוָוארְן, אִין דֶער ׳תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט׳! – און אַז זֵיי ווִילְן שׁוֹין אַרוֹיס פוּן ׳זֵייעֶר מְדִינָה׳, אִין אַ ׳אַנְדֶערֶע מְדִינָה׳ (וָואס דָארְט מַאכְט מֶען ׳גֶעלְט׳, כַּנַ״ל) – און זֵיי ווִילְן זִיךְ שׁוֹין מַאכְן ׳שְׁטֶערְן׳ און ׳מַזָלוֹת׳ (כַּנַ״ל)״!

הָאט זִיךְ דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳ אָנְגֶערוּפְן: ״עֶר הָאט מוֹרָא, אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט נָאכְמֶער פַארְפִירְט [פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] וֶוערְן וַוייטֶער״!

דֶערְנָאךְ הָאט מֶען דָאס גֶעהֶערְט: ״אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעמַאכְט ׳גָאטְן׳ (כַּנַ״ל)״! הָאט זִיךְ דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳ אָנְגֶערוּפְן: ״אָט דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט! דֶערְפַאר [פוּן דֶעם הָאבּ אִיךְ [פוּן אָנְהֵייבּ] מוֹרָא גֶעהַאט [און זִיךְ גֶעזָארְגְט]״!

(דְהַיְינוּ: דָאס וָואס עֶר פְלֶעגְט אַלְץ צוּ זָאגְן: "[אַז] עֶר הָאט מוֹרָא זַיי זָאלְן נִישְׁט נָאךְ עֶרְגֶער פַארְפִירְט וֶוערְן"! – הָאט עֶר [טַאקֶע] דָאס גֶעמֵיינְט)!

הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה', 'גְרוֹיס רַחֲמָנוּת' אוֹיף זַיי גֶעהַאט! – הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "עֶר וֶועט אַלֵיין אַהִינְגֵיין [דָארְט]! טָאמֶער [אֶפְשַׁר] וֶועט עֶר זַיי [קֶענֶען] אַרוֹיסְפִירְן פוּן זֵייעֶרע 'נַארִישְׁקַייט'"!

אִיז דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' אַהִינְגֶעגַאנְגֶען! אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי 'שׁוֹמְרִים', וָואס זַיי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַרוּם אִיטְלֶעכְן 'בַּארְג' (כַּנַ"ל)!

אוּן דִי 'שׁוֹמְרִים' – זֶענֶען מִן־הַסְתָּם גֶעוֶוען 'קְלֵיינֶע לַייט', וָואס זַיי הָאבְּן גֶעמֶעגְט שְׁטֵיין אִין דֶעם 'אֲוִיר' [לוּפְט] פוּן דֶער וֶועלְט!

וָוארְן 'דִי מֶענְטְשְׁן' וָואס זַיי הָאבְּן גֶעהַאט 'מַעֲלוֹת' מֵחֲמַת זֵייעֶר 'גֶעלְט' – זַיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אִינְאֵיינֶעם [זִיךְ אוֹיסְמִישְׁן] מִיט [דִי מֶענְטְשְׁן פוּן] דֶער וֶועלְט! אוּן הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטֵיין אִין דֶעם 'אֲוִיר' פוּן דֶער וֶועלְט! – [כְּדֵי] סְ'זָאל זַיי נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין (כַּנַ"ל)! – אוּן זַיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁמוּעֶסְן מִיט [מֶענְטְשְׁן פוּן] דֶער וֶועלְט! – [כְּדֵי] מֶען זָאל נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין זַיי מִיט דֶעם 'דוּךְ' [הֶבֶל] פוּן דֶעם 'מוֹיל'! – (כְּלוֹמַר: בַּיי דֶער 'נַארִישֶׁער מְדִינָה', אִיז דִי וֶועלְט גָאר 'טָמֵא' גֶעוֶוען אַקֶעגְן זַיי, כַּנַ"ל)!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם], זֶענֶען בְּוַודַּאי דִי 'שׁוֹמְרִים' וָואס זַיי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דֶער 'שְׁטָאט' – זֶענֶען זַיי בְּוַודַּאי גֶעוֶוען 'קְלֵיינֶע לַייט'!

נָאר דִי 'שׁוֹמְרִים', הָאבְּן אוֹיךְ גֶעהַאט דִי 'פַּאטְרֶעטְן' [בִּילְדֶער (פוּן דִי 'גָאטְן' זֵייעֶרע) – אוּן זַיי פְלֶעגְן, דִי 'פַּאטְרֶעטְן, צוּ 'הַאלְזְן' אוּן צוּ 'קוּשְׁן' אַלֶעמָאל! – וָוארְן בַּיי זַיי, אִיז אוֹיךְ דֶער עִיקָּר 'אֱמוּנָה' גֶעוֶוען, דָאס 'גֶעלְט'!

אִיז דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' גֶעקוּמֶען צוּ אַ 'שׁוֹמֵר' – אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִים צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן דֶעם 'תַּכְלִית: "בַּאֲשֶׁר אַז דֶער 'עִיקַּר תַּכְלִית', אִיז נָאר גָאטְס דִינְסְט, 'תּוֹרָה' אוּן 'תְּפִילָּה' אוּן 'מַעֲשִׂים־טוֹבִים'! – אוּן 'גֶעלְט', אִיז גָאר אַ 'נַארִישְׁקַייט', אוּן סֶע [סְ'אִיז] גָאר קַיין 'תַּכְלִית' נִישְׁט וְכוּ'"!

אוּן דֶער 'שׁוֹמֵר', הָאט אִים אָבֶּער גָארְנִישְׁט צוּגֶעהֶערְט! – וָוארְן סְ'אִיז שׁוֹין בַּיי זַיי אַזוֹי אַיינְגֶעזֶעצְט גֶעוֶוען פוּן אַ לַאנְגֶע צַייט [זַיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אַיינְגֶעזִינְקֶען דֶערִין]: "אַז דֶער עִיקָּר אִיז נָאר דָאס 'גֶעלְט', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]"!

[אוּן אַזוֹי אִיז דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ 'אַנְדֶערְן שׁוֹמֵר' – אוּן הָאט אוֹיךְ מִיט אִים אַזוֹי גֶעשְׁמוּעֶסְט, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט! – אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט]!

אוּן אַזוֹי אִיז דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' גֶעגַאנְגֶען צוּ 'אַלֶע שׁוֹמְרִים' – אוּן הָאט מִיט זַיי אַזוֹי אַלְץ גֶעשְׁמוּעֶסְט [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – אוּן זַיי הָאבְּן אִים גָארְנִישְׁט צוּגֶעהֶערְט!

הָאט זִיךְ דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען – אוּן אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין 'שְׁטָאט' אַרַיין, וָואס דִי 'שְׁטָאט' אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם 'בַּארְג' (כַּנַ"ל)!

וִוי עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין 'שְׁטָאט' אַרַיין – אִיז [דָאס] בַּיי זַיי גֶעוֶוען אַ 'גְרוֹיס חִידוּשׁ'! – אוּן זַיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִויאַזוֹי בִּיזְטוּ אַהֶער אַרַיינְגֶעקוּמֶען"?! – וָוארְן קַיין 'שׁוּם מֶענְטְשׁ' הָאט זִיךְ [דָאךְ] צוּ זַיי נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּטְרֶעטְן [אַרַיינְגֵיין], כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

הָאט עֶר זַיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "[וִויבַּאלְד אִיךְ בִּין שׁוֹין אַרַיינְגֶעקוּמֶען, זָאל זַיין וִויאַזוֹי סְ'זָאל נָאר זַיין] וָואס פְרֶעגְט אִיר [דֶערוֹיף]? אִיךְ בִּין זִיךְ שׁוֹין אָבֶּער פָארְט אַרַיין"!

הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אֵיינֶעם צוּ שְׁמוּעֶסְן, פוּן דֶעם 'תַּכְלִית' פוּן דֶער וֶועלְט: "אַז 'גֶעלְט' אִיז גָאר קַיין 'תַּכְלִית' נִישְׁט וְכוּ'" (אַזוֹי־וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען)!

אוּן דֶער 'מֶענְטְשׁ' הָאט אִים גָארְנִישְׁט צוּגֶעהֶערְט! – אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דֶער 'אַנְדֶערֶער' [מֶענְטְשׁ]! – אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] 'אַלֶע'! (כְּלוֹמַר: קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט)! – וָוארְן זַיי זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע אַזוֹי פַארְפִירְט [אַיינְגֶעזִינְקֶען] גֶעוֶוען אִין זֵייעֶרע 'נַארִישְׁקַייט', אַז זַיי הָאבְּן שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעהֶערְט!

לכבוד מערכת דעם רבי'נס ליכט שיחיו
מזל טוב מזל טוב

צום גליון נומער צוויי הונדערט
וואס אזוי שיין יעדן וואך ערקלערט
שענער און שענער עס ווערט
דעם רבי'נס זאך אין מייל פיטערט

אמונה און תמימות פארמערט
אין הארץ אריין עס פלאקערט
סיעתא דשמיא זאל אייך זיין באשערט
זיכער ווערט די גאולה דערנענטערט

נישט לאנג נאך געדויערט
אט אט קול שופר של משיח מען הערט
און די טעג זאל שוין ווערן איבער געקערט
צו ימים טובים וועלן זיי ווערן געפייערט

מיט פיל שעצונג
אויף אייער געוואלדיגע ארבעט
איינער פון די צופרידענע עלטערן








## דעם רבינ'ס משלים

המשך פון לעצטע זייט

און עֶר הָאט עֶס אִים גֶערְן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן.

פַאר דֶער אִיד אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעלָאזְט צַוָואָה אַז מֶען זָאל אִים אוֹיפְנֵייעֶן תַּכְרִיכִים פוּן דֶעם טֶענְדָא רֶענְדָא מַלְבּוּשׁ, מֶען הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, אָבֶער בַּיים צוּדֶעקְן זֶענֶען צְוֵויי פִינְגֶערְס נִישְׁט גֶעוָוארְן צוּגֶעדֶעקְט מִיט דִי תַּכְרִיכִים הָאט מֶען צוּגֶעשְׁטִיקְלְט אָן אַנְדֶערֶע סָארְט סְחוֹרָה, און וִויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוָוארְן בַּאדֶעקְט מִיט אַזַא מַלְבּוּשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטְן בִּזְיוֹנוֹת פַאר כָּבוֹד-שָׁמַיִם, דֶערִיבֶּער הָאבְּן דִי וֶוערִים נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּמֶען צוּ זַיין גוּף.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט ר' פִּנְחָס קִיבְּלִיטְשֶׁער דֶערְצֵיילְט אִין נָאמֶען פוּן רֶבִּי'ן. ר' אַבְרָהָם בר"נ וֶוען מֶען הָאט אִים אָנְגֶעפְרֶעגְט אִיבֶּער דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "כָאטְשֶׁע פוּן רֶבִּי'ן נָאכְזָאגְן הָאבּ אִיךְ דָאס נִישְׁט גֶעהֶערְט, אָבֶער רַבִּי פִּנְחָס אִיז אַ בַּר סַמְכָא". אוֹיךְ הָאט עֶר צוּגֶעלֵייגְט אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ מֶען מֶעג הֲנָאָה הָאבְּן פוּן טֶענְדָא-רֶענְדָא וָואס אִיז אַ מְשַׁמֵּשׁ פוּן עֲבוֹדָה זָרָה.

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (3)

**א. וואספארא סארט וועג איז געווען אפן צו די מדינה אויף די בערג?**
- ❑ א ברייטע וועג אלע זאלן קענען אריין גיין
- ❑ א שמאלע וועג אינמיטן שטאט אז א חלק זאלן קענען אריין גיין
- ❑ איין באהאלטענער וועג אז קיין אנדערער מענטש זאל נישט קענען קומען צו זיי

**ב. וואס האבן זיי געטון צו זייערע גאטן?**
- ❑ געדאווענט צו זיי ר"ל
- ❑ זיך מקריב געווען צו זיי ר"ל
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. איז געווען רציחות און גזילות אין די מדינה של עשירות?**
- ❑ ניין
- ❑ אביסל
- ❑ פול מיט רציחות און גזילות

**ד. האט מען געמעגט געבן צדקה אין די מדינה?**
- ❑ עס איז געווען ביי זיי א גרויסע מצוה
- ❑ עס איז געווען ביי זיי א גרויסע איסור
- ❑ מען האט געמעגט אבער ס'איז ביי זיי נישט געווען א מצוה

**ה. ווען איז געווארן פון א מענטש א חי' אין די מדינה?**
- ❑ ווען איינער האט פארלוירן (אנגעווארין) זיין געלד
- ❑ ווען איינער האט פארלוירן געלד פון זיין חבר
- ❑ ווען איינער האט געביסן זיין חבר

**ו. ווען איז געווארן פון א חי' א מענטש אין די מדינה?**
- ❑ ווען איינער האט געגעבן זיין גאנצע געלד פאר צדקה
- ❑ ווען איינער איז געווארן אויסגעהיילט פון זיין קרענק
- ❑ ווען איינער האט פארדינט (געוואונען) מער געלד

**ז. וואס האבן זיי געטון מיט די פאטרעטין פון זייערע גאטן?**
- ❑ זיי פלעגן עסווארפן אויף דער ערד
- ❑ זיי פלעגן עס האלזן און קושן
- ❑ זיי פלעגן טאנצן מיט דעם

**ח. וואס האט דער בעל תפלה געזאגט ווען מ'האט אים דערציילט אז זיי האבן גאטן?**
- ❑ דערפאר האב איך מורא געהאט
- ❑ ער האט גרויס רחמנות געהאט אויף זיי
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס האבן די שומרים געענטפערט פאר דעם בעל תפלה ווען ער האט אנגעהויבן רעדן פון תכלית?**
- ❑ אונז האבן א אנדערע תכלית
- ❑ מיר האבן א אנדערע וועג
- ❑ זיי האבן גאר נישט צוגעהערט

י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געדאנק

וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה וואס מיר האבן געלערנט דאס ווארט "געלט"?

---

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

**אין וויפיל און וועלכע זאכן האבן עוסק געווען דער בעל תפילה מיט זיינע לייט חוץ לישוב?**

זִיבֶּן דרגות, - א לייב, א חיה אדער א עוף, א גלאטער מענטש, כוכבים, מזלות, מלאכים, גאטן.

**געווינער אויף בעל תפלה 2 איז הילד החשוב נחמן קעניג, בית שמש טעלעפאן 8793*****

**געווינער אויף תשובות פון תורה א' ח"ב 75 ש"ח**

**איז טעלעפאן 99100** ביטע רופן און אריינזאגן א נאמען**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

# טֶענְדָא-רֶענְדָא

אִין אַ גֶעווִיסֶע שְׁטָאט הָאט מֶען פַאר אַ סִבָּה גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְלֵייגְן קְבָרִים פוּן מֵתִים וָואס זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען בַּאעֶרְדִיגְט פַאר יָארְן לַאנְג. בַּיים מַפְנֶה זַיין דִי קְבָרִים הָאט מֶען גֶעטְרָאפְן אִין אֵיינֶע פוּן דִי קְבָרִים אַ נִפְטַר וָואס זַיין גוּף אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ! אִין זַיין גַאנְצֶער קֶערְפֶּער הָאט נִישְׁט שׁוֹלֵט גֶעוֶוען קַיין וֶוערִים וָואס זָאלְן אִים אוֹיפְעֶסְן נָאר אֵיין קְלֵיין שְׁטִיקְל אַרוּם דִי פִינְגֶער פוּן דִי פִּיס.

דִי אַרוּמִיגֶע זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר עֶרְשְׁטוֹיְנְט צוּ זֶען אַזַא אוּמְגֶעוֶוענְלִיכֶע עֶרְשֵׁיינוּנְג, זֶענֶען זֵיי אַרִיבֶּער צוּם רָב פוּן שְׁטָאט וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַן אָדָם גָדוֹל, אִים צוּ דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער דֶעם נִפְטַר.

דֶער רָב הָאט אָנְגֶעפְרֶעגְט אִין דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע הִימְלֶען צוּ הֶערְן וֶוער דֶער נִפְטַר אִיז אוּן אִיבֶּער וֶועלְכֶע סִבָּה הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא זַאךְ. פוּן הִימְל הָאט מֶען אִים מְגַלֶה גֶעוֶוען אַז דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען בַּיים לֶעבְּן גַאנְץ אַ פָּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְשׁ, "אַ פְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ צְדָקוֹת", עֶר פְלֶעגְט זַאמְלֶען גֶעלְט אוּן פַארְטֵיילְן פַאר נוֹיטְבַּאדֶערְפְטִיגֶע, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם גְרוֹיסְן מַעֲלָה וַוייל עֶר הָאט גֶעלִיטְן בִּזְיוֹנוֹת פַאר כְּבוֹד-שָׁמַיִם.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען וֶוען אֵיינְמָאל הָאט עֶר צַאמְגֶענוּמֶען גֶעלְט פַאר גָאר אַ חָשׁוּבֶ'ע צְוֶועק, וָואס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעפֶעלְט עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְטֶער גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ, אִיז עֶר אַרִיבֶּער צוּ אַ עוֹשֶׁר אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים פַאר אַ שֵׁיינֶע תְּרוּמָה.

דֶער עוֹשֶׁר פְלֶעגְט פַארְבָּארְגְן גֶעלְט פַאר גוֹיִם אוּן נֶעמֶען פוּן זֵיי פְּרָאצֶענְטְן, אֵיינְמָאל הָאט דֶער עוֹשֶׁר פַארְבָּארְגְט גֶעלְט פַאר אַן אָרִימֶער גַלָח, הָאט דֶער גַלָח גֶעגֶעבְּן דֶעם עוֹשֶׁר פַאר אַ מַשְׁכּוֹן זַיין 'טֶענְדָא רֶענְדָא' (אַ קְלֵייד וָואס דִי גַלָחִים טוּעֶן אָן סְפֶּעצִיעֶל בַּיים בַּאגְלֵייטְן זֵייעֶרֶע פְּגָרִים בַּיי זֵייעֶרֶע אָפְּגֶעטֶער) דֶער גַלָח אִיז אָפְּגֶעשְׁטָארְבְּן אוּן נִישְׁט בַּאצָאלְט דֶעם חוֹב, אִיז דִי טֶענְדָא רֶענְדָא גֶעבְּלִיבְּן בַּיים עוֹשֶׁר.

וֶוען דֶער אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם עוֹשֶׁר בֶּעטְן אַ נְדָבָה, הָאט אִים דֶער עוֹשֶׁר גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ מֵיינְסְטוּ טַאקֶע עֶרְנְסְט דַיינֶע וֶוערְטֶער, וֶועל אִיךְ דִיר יֶעצְט אוֹיסְפְּרוּאוְון, אִיךְ הָאבּ בַּיי מִיר דֶער 'טֶענְדָא רֶענְדָא', אוֹיבּ בִּיסְטוּ פַאר דֶעם צְדָקָה צְוֶועק גְרֵייט דָאס אָנְצוּטוּן אוּן זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן אִיבֶּערְן שְׁטָאט עֶטְלִיכֶע מָאל, וֶועל אִיךְ וִויסְן אַז דוּ מֵיינְסְט עֶרְנְסְט דִי צְדָקָה וָואס דוּ בֶּעטְס, אִיךְ וֶועל דִיר דַאן גֶעבְּן דֶעם גַאנְצְן סְכוּם וָואס עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ.

דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט קַיין צְוֵויי, [צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵייטְן אִיד לוֹינְט זִיךְ צוּ וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט] עֶר טוּט זִיךְ אָן דֶעם טֶענְדָא רֶענְדָא אוּן שְׁפַּאצִירְט אַרוּם דִי גֶעסְלֶעךְ פוּן שְׁטָאט עֶטְלִיכֶע מָאל. וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם עוֹשֶׁר הָאט עֶר אִים טַאקֶע גֶעגֶעבְּן דֶעם גַאנְצְן סְכוּם וָואס עֶר הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט, דֶער אִיד הָאט דַאן גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם עוֹשֶׁר דֶעם טֶענְדָא רֶענְדָא אַלְס מַתָּנָה,

המשך אויף זייט 10

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אליעזר זוסיא גודלבסקי הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שמחה בונם סטאל הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר משה אנשין הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב